אָרטאָדאָקסישער פאַמיליען-זשורנאַל

# בית-יעקב

אָרגאַן פון דער צענטראַלע „בנות אגודת ישראל“ אין פוילען

ב"ה, לאָדז, ניסן תרפ"ו | ערשטער נומער (דריטער יאָהרגאַנג)

ה"ר משה חיים לויא.

אבד"ק שאַץ.

## יציאת מצרים — און מרים.

— אָדער —

דער פאָלקס-צער און די יודישע טאָכטער. *)

(ספעציעל פאַר'ן „בית-יעקב“ זשורנאַל.)

אויב מיר ווילען ריכטיג און עהרליך אָבשאַצען דעם צער און די וועה-טאָג וואָס א יחיד האָט אָדורכגעמאַכט, — זאָלען מיר זיך צוקוקען ווי שטאַרק עס דריקט זיך אויס זיין געפיהל פון שמחה דעמאָלס ווען ער איז פונ'ם נאָגענדיגען צער פטור געוואָרען. דאָס שטאַרקע עמפפינדען די פרייד און זי בולט אויסדרוקען ווען מ'איז בעפרייט פונ'ם שמערץ, בעווייזט ווי שווער ס'האָט געדריקט, געפייניגט...

אַזוי איז עס אויך מיט'ן כלל:

„וירא בצר להם, — בשמעו את רינתם“. ווען מ'האָט געהערט דאָס רעש'ן און שאַלען ביי דער שמחה, — האָט מען געוואוסט וואָס זיי האָבען אַלץ אַדורכגעמאַכט.

---

*) אַ קאַפּיטעל פונ'ם ספר „די יודישע פרויען וועלט“ וואָס הרה"ג רמ"ח לויא שליט"א אבד"ק שאַץ וועט בקרוב אַרויסגעבען (נאָך דעם ווי די מאמרים וועלען זיין געדרוקט אין אונזער זשורנאַל) אין דעם חשוב'ן ספר ווערט אין אַ קרעפטיג-לעבעדיגער פאָרם, מיט אַ זאַפטיגען יודיש, געשילדערט דאָס לעבען און ווירקען, דאָס שאַפען און בוי'ען פון די יודישע העלדענס וועלכע האָבען מיט זייער השפעה געהאָלפען צו דער ענט-וויקלונג און אויפבוי פונ'ם יודישען פאָלק, בעאַרבייט לויט בבלי, ירושלמי און מדרשים.—

די רעדאַקציע.

און נישט נאָר פון דער דאַמאָלסדיגער שמחה איז צו דרינגען אויף זייער שווערען גלות אין מצרים. נאָר אויך פון די פריידענ׳ס קלאַנגען וואָס האָבען זיך געהערט אין דער יודישער מחנה, אין די שפּעטערע דורות, ווען דער ליבער פסח האָט זיך בעוויזען, — איז צו זעהן דעם חשק וואָס האָט אונזערע עלטערן געדריקט אין מצרים. נאָך היינט אַז מיר בעטראַכטען דעם יודישען „פאַר פסח״ מיט זיינע אַנגענעהמע און ליבע הכנות צום גרויסען, שעהנעם פאַמיליען-יום-טוב. ווי אַלע פנימ׳ר פון קליין און גרויס שטראַהלען מיט פריילינקייט. ביי יעדען נייעם חפץ וואָס מ׳ברענגט אין שטוב, צופלאַקערט זיך אַ פריידיג פייערל אין אַלעמענס אויגען. היינט נאָך די חדוה׳דיגע שטימונג אום יו״ט, ווער איז ביכולת אַבצומשל׳ן די אַלע פריילינכע מאָמענטען וואָס יעדעס יודישע האַרץ פוהלט דאַמאָלס. ווער קאָן פאָרשטעלן די איידעלע שמחה וואָס צעגיסט זיך דאַמאָלס אין אַלע ווינקעלעך. אונבעגרעניצט די אייביגע שמחה, זי שפּאָטעט יעדע אויסדרוקס פאָרם, זי געט אונז מעהר א פאָרשטעלונג פון דער גרויסער פיין און די שרעקליכע ליידען וועלכע אונזערע אבות האָבען מיטגעמאַכט אין מצרים...

אַם בולט׳סטען און אַמקלאַרסטען שפּילען זיך אָב די ליידען פון יענעם גלות, אינ׳ם בענעהמען זיך פון דער יודישער פרוי פאַר פסח. מיר קאָנען דרייסט זאָגען: אויך היינט איז די יודישע פרוי די איינציגע טאַן-געבערין אין יעדען יודישען הויז אין דער פסח-צייט. דאַמאָלס איז זי נישט בלויז די פרוי אין הויז. זי איז אַ גרויס חלק דער בעל-הבית, אַ מין דיקטאַטור, דער שליסעל פון די פאָרבערייטונגען אין כשרות און ריינקייט איז אין איהרע הענד. און ווען מען פרובט די פרוי אויפמערקזאַם מאַכען אויף אַ איבערטריבענער חומרא וואָס איז נאָכ׳ן שלחן-ערוך איבער פליסיג, הערט מען באַלד פון איהר די פעסטע איבערציגענדע תשובה: „פסח איז עלטער פון שלחן ערוך״

ווי מ׳וויל זי עצה׳נען אין ענינים פון פסח, קומט אויס ווי מ׳זאָל אין איהר גבול אריינגעהן, זיך מישען אין איהר קאָמפּעטענץ. דאָס איז איהר וועלט, און נאָר זי האָט דאַרט צו זאָגען.

אַזוי איז׳ס פון אייביגע יאָהר, און אַזוי וועט׳ס אי״ה פערבלייבען.

* * *

וועלכע זענען׳ס די אייגענטליכע סיבות וואָס האָבען אַרויסגערופען די מאָדנע פסיכאָלאָגישע ערשיינונג?

איז׳ס אפשר נישט אַ פועל-יוצא פון דער האַלטונג פון דער יודישער פרוי דאַמאָלס אין גלות מצרים? — —

די פרוי האָט זיך נישט גרונדלאָז און בחנם גענומען די אַנגענעהמע ראָלע פון בעל-בתי׳וועז פסח-צייט. דאָס צופרידען-גליקליך „טעראָריזירען״ די מענער און קינדער, אַלע פאַר פסח, איז בעגרינדעט. עס האָט דיין מקור



אין דעם דאַמאָלדיגען אינטענסיווע און טיפע מיטפיהלען פון דער יודישער טאָכטער און דער גרויסער פיין אינ׳ם שווערען גלות-מצרים.

אָט וואָס מיר זעהען:

ווען די גזירות און די צרות האָבען דעם העכסטען פונקט דערגרייכט: מען האָט שוין גוזר געווען אויף אַלע יודישע קינדער וואָס וועלן געבוירען, אין וואַסער צו וואַרפען. האָבען די פרומע טאַטעס בעשלאָסען נישט מעהר קיין קינדער אויף דער וועלט ברענגען.

מיר וועלען נישט מעהר צוגרייטען מאַטעריאַל פאַר דער אַכזריות׳דיגער טיראַניי.

דאַמיט האָבען זיי כביכול אַ שטרייק ערקלערט... דען השי״ת האָט מבטיח געווען אַברהמ׳ן: דיינע קינדער וועלען זיין אַזויפיעל ווי די שטערן אין הימעל, און אַזוי ווי די שטערן לאָזען זיך קיינמאָל נישט אויס, אַזוי וועלען דיינע קינדער אייביג עקזיסטירען און אַז מיר וועלן מעהר קיין קינדער האָבען וועט די ג-טליכע הבטחה זיין אין סכנה וועלען ממילא מוזען די גזירות בטל ווערען. 1) און די פרומע האָבען זייערע פרויען אָבג׳גט. איינער פון זיי איז געווען עמרם. 2)

* * *

פלוצים האָט אַ געטליכע נביאה אַ שיין געגעבען. מרים, די טאָכטער פון עמרמ׳ן האָט אַ נביאה געזעהן, אַז פון איהר פאַטער און מוטער מוז דער יודישער דערלייזער דער מלאך המושיע, אַרויסקומען.

און זייענדיג דורכגעדרינגען פון דעם גייסט, און גלויבענדיג אין אמת׳קייט פון דער נביאה, נעהמט זי זיך מוסר׳ן איהר פאַטער. 3)

טאַטע, טענה׳ט זי, דיין גזירה איז פיעל האַרטער פון דער גזירה פון פרעה׳ן. וועהרענד פרעה האָט נאָר גוזר געווען אויף זכרים ווילסטו אויך די נקבות פערטילגען. פרעה איז אַ רשע, ס׳אַ ספק צו זיין גזירה וועט מקוים ווערען. דו ביזט אַ צדיק דיינס וועט אַודאי מקוים ווערען. און וואָס ווען סטו העלפען מיט׳ן שטרייק, אַז נאָר איהר, די פרומע, וועלען זיך דאַרין האַלטען, אָבער דער המון און די פרייע. די וועלען דאָך יאָ קינדער האָבען, איז שוין ממילא ג-ט׳ס הבטחה צו אברהמ׳ן נישט אי געפאַהר. זי וועט זיך ערפילען דורך די שלעכטע און נישט עהרליכע. פירות וואָס די פרייע וועלן ברענגען פאַר׳ן כלל ישראל. קאָנסטי׳ס פערשמערצען אַז דאָס זאָל זיין גאָטס פאָלק אויף דער וועלט?...

עמרם נעהמט צוריק זיין פרוי, יוכבד׳ן; מרים וואָס האָט פריער מיטגעפיהלט דעם צער פון איהרע עלטערן, ווען זיי האָבען זיך געמוזט שיידען,

1) זעה מס׳ ב״ב דף ס׳: 2) סוטה דף י״ב. 3) שם.

פוהלט דערפאַר שטאַרק די שמחה ווען זיי גיעהן זיך צוזאַמען נעהמט איהר ברודער׳ל, אַהרנ׳ן, און געהן ביידע אַטאַנץ. 4) די מלאכי השרת בעגייסטער-טע פון דער איידלער שמחה, זינגען זיי צו „אם הבנים שמחה". 5) — — — —

* * *

— — — אַז משה רבינו איז געבוירען געוואָרען, האָט זיך יעדעס יודישע הויז אָנגעפולט מיט ליכט. 6)

מיט משה׳ס גיבורט איז אויפגעגאַנגען אַ נייע זון אויפ׳ן גלות-הימעל אין מצרים. עמרם האָט זיין טאָכטער, מרימ׳ן אַ קיש אין שטערן געגעבען:

טאָכטער, דיין נביאה איז מקוים געוואָרען. 7) עס קומט באמת אַ הילף פאַר יודען... — — —

אין דרויסען האָט די שוואַרצע אַכזריות׳שע פרעה-האַנד ווייטער געבו-שיוועט. יודישע קינדער זענען אין נילוס תהום געזונקען. און געקומען איז די טרויריגע שעה אויך אין עמרמ׳ס הויז.

די אָרימע מוטער יוכבד, קאָן שוין לענגער דאָס קינד נישט אויס בעהאַלטען. 8)

און אַז ז׳האָט דאָס חשובע קינד אין אַ קעסטעל פערקלעפט און עס אויפ׳ן וואַסער געלאָזט, האָט דער פאָטער די טאָכטער געפרעגט:

מרים, ווי איז דיין נביאה?

אָבער די נאָדעל-שטעכענדיגע פראַגע האָט מרימ׳ן וואָרנישט איבערגע-שראַקען. נישט ערשיטערט איז זי אין איהר גלויבען...

דאָרט, ביים ברעג פון ים, שטעהט זי, די יונגע נביאה.
זי איז נישט פערצווייפעלט.
אַפילו נישט בעזאָרגט.
מוטיג און פעסט שטעהט די שוועסטער פון דער ווייטענס.
נישט זי צווייפעלט, נישט זי שרעקט.

זי וואַרט נישט מיט נייגעריגע צו וויסען דעם סוף. דער וואָס גלויבט איז שטאַרק. ווערט קיינמאָל נישט ערשיטערט. דער מאַמין ווערט קיין מאָל נישט ענטוישט. ער איז תמיד צענטראַליזירט נור פערמאָגט אַ שטאַרקען כאַראַקטער וואָס דרוקט זיך אויס אין שטענדיגער אַענטראַליזאַציע.

נאַטירליך מ׳ז מען אמת׳דיג גלויבען...

אַזוי האָט מרים געגלויבט. זי איז געוועהן ביי זיך זיכער.

4) סוטה י״ח. 5) שם. 6) שם ומ״ר שמות: נתמלאה „כל" הבית כולו אורה. 7) שם. 8) פ׳ שמות.



און גלויביג, און מוטיג זיך צוגעקוקט ווי אַזוי איהר נביאות וועט זיך בעשטעטיגען. ער מוז דאָך גערעטעט ווערען. וויל-זי וויסען אויף וועלכען אופן וועט׳ס געשעהן. 9)

זי האָט נאָר אָבגעוואַרט דעם קיום פון איהר נביאה.
זי האָט געדולדיג געוואַרט.

ווייסט זי דאָך, און פיהלט; אַז דער יונגער יודישער גורל מוז ניצל ווערען. — — —

און דאָס נס איז געשעהן.

געגאַנגען איז פרעה׳ס טאכטער זיך אַבוואַשען פונ׳ם שמוץ וואָס זי האָט אויף זיך אַרויפגענומען, דינענדיג די עבודה-זרה אין פאָטער׳ס הויז. 10)

זי דערזעהט דאָס קעסטעלע.

אַז זי האָט׳ס געעפענט איז זי בעשטראָלט געוואָרען פונ׳ם ליכט וואָס האָט פון דאָרט אַרויסגעשיינט...

„די שכינה איז מיט איהם געוועהן".

גליקליך איז דעם קעניג׳ס טאָכטער וואָס זי האָט זוכה געוועהן אַזאַ קינד אַרויסצוראַטעווען פון די ווילדע ברויזענדע ים-כוואַליעס.

מרים, גאַנץ ווייניג געריהרט פון דעם וואונדערליכען פאַקט. זי האָט דאָך צהנליכעס ערוואַרטעט, — זי פרעגט קאַלט:

ער וויל פון קיין פרעמדער נישט זויגען, אפשר רופען אַ יודיש קינד?— —

אַז מ׳האָט׳ס איהר בעשטעטיגט, האָט זי שוין בעפליגעלט די טריט. און מיט זריזות האָט זי די מוטער געבראכט. 11)

און די אָרימע יוכבד, וואָס האָט אַ חופה קלייד אַנשטאט תכריכים, דעם לעבענדיגען מת׳ל, אָנגעטהון. 12) זיך מיט איהם אויף אייביג געזעגענט. זי האָט שוין איהר חשוב קינד צוריק.

דורך מרימ׳ן קומט משה צוריק אין פאָטער׳ס הויז.

* * *

אינצווישען האָבען יודען שווערע, שווערע צייטען דורכגעמאַכט. אָבער זיי ליידען נישט אַליין. זיי זענען נישט פערלאָזען אין זייער שמערץ. ס׳איז דאָ ווער, וואָס העלפט זיי דעם צער דערטראָגען:

זייערע בעטריבטע פרויען פלעגען זיי יעדען טאָג עסען ברענגען. און נישט נאָר בלויז שפייז פאַר׳ן גוף. אויך מאָראַלישע נאַהרונג פלעגען זיי מיט-ברענגען.

דאָ׳ט, אין דער שויס פון דער נאַטור האָבען זיי פאַר די פערוואַגעלטע מענער דעם בעשיידענעם מיטאָג אויפגעגעבען. דאַביי האָבען די מענער זייער

9) לדעה מה יעשה לו. עס שטעהט נישט „לדעת" וואס וואלט משמע געווען: דעם סוף אָבוואַרטען. 10) סוטה י״ב: 11) שם. 12) שם.

ביטער האַרץ אויסגערעדט, פיהלענדיג אַז זיי האָבען אַ אויפמערקזאַם אויער וואָס האָרכט זיי צו. אין מיטען „אַרויסרעדען" די צרות האָבען זיי זייער גיפט אויסגעדרוקט, זיי מבטל געווען, אַזאַ טבע האָבען שוין יסורים: אַז מ'רעדט זיי אַרויס פערלירען זיי די קראַפט און דעם מכלומר'שטען פערניכטונג'ס-כח. דען אַזוי לאַנג דער צער איז שטום און ווערט נישט ; רויסגערעדט, — דאַכט זיך אויס אַז ער וויל אונז לומרי דערדריקען, פערניכטען. מיט'ן אַרויסרעדען אָבער, זעהט מען אַז די סכנה איז נישט אַזוי שנאַרק ווי ס'האָט זיך אין דער פאַנטאַזיע אויסגעדאַכט - און דער צער פערלירט זיין גיפטיגען שטאָף. 13)

אַזוי פלעגען זיך די אָרימע שווער פערהאָרוועטע יודען, אויסרעדען און אויסוויינען פאַר זייערע פרויען, און זיי איז באַלד לייכטער געוואָרען. די פרויען האָבען מיט האַרץ-נחמות און ווייכע רייד זיי אויסגערעדט, גע- שטאַרקט. און האָפנונג און בטחון אין זייער ביטער געמיטה אַריינגעזאָכען.

און געוויזען האָבען זיי מיט זייער יודישער לעבענסווייזע אַז זיי זענען געטריי זייער פאָלק, וועלכעס האָט די געבראָכענע געמיטער פון זייערע מענער מוט און התחזקות אַריינגעגעבען, זיי אויפגעשטעלט. געזעהן האָבען די מענער אַז נישט די שפראַך, נישט דעם נאָמען, און נישט די קליידונג האָבען זייערע פרויען און קינדער געענדערט, זיי זענען בּיי זייער פּאַרב, בּיי זייער אייגענארט געבליבען — דאָס האָט זיי געטרייסט און די וועהטאָגען געהיילט. יאָ, ווי באַלזאַם זענען געווען די האַרציגע אויסשמיסעכצער מיט זייערע פרויען, פאַר זייערע פערוואונדעטע הערצער. און איינ'ם זכות פון די נשים צדקניות זענען די עלטערן מוטיג און פעסט, נישט געבראָכען און שוואַך אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

„בשכר נשים צדקניות נגאלו אבותנו ממצרים". 14)

---

13) צ"ק למרן הה"ק רר"א מליזענסק ז"ל. — דאגה בלב איש ישחנה ועי"ז, ישיחנה... דורכן אַרויסרעדען אונטערדריקטען בייזמכען אַראָב דעם צער (ע' יומא ע"ה

14) סוטה י"ב.

(ענדע קומט)



# פרקי אבות*)

איבערזעצט און פּאָפּולאַריזירט דורך: א. ג. פרידענזאָן.

אַלע יודען האָבען אַ חלק אין עולם הבא, אַזוי ווי ס'ס שטעהט געשרי- בען: און דיין פאָלק זענען אַלע צדיקים, אויף אייביג וועלען זיי ירשנען דאָס לאַנד, (יענע וועלט) (ישראל איז) אַ צווייגעל פון מיינע פלאַנצונגען, איך האָב עס געשאַפענצו מיין רוהם.

## פרק א'

א

משה האָט גענומען די תורה (פון גאָט) פון באַרג סיני און ער האָט זי איבערגעגעבען צו יהושע'ן. יהושע האָט זי איבערגעגעבען צו די זקנים די זקנים — צו די נביאים. און די נביאים האָבען זי (די תורה) איבערגעגעבען צו די מענשען פון דער כנסת הגדולה. זיי (די מענשען פון דער כנסת הגדולה) האָבען געזאָגט צווישען אַנדערע, דריי זאַכען: זייט געלאַסען ביים אַרויסגעבען אַ פסק-דין ; זאַמעלט אייך אַסך תלמידים און מאַכט אַ צוים אַרום דער תורה.

ב

שמעון הצדיק איז געווען איינער פון די לעצטע פון דער כנסת הגדולה. ער האָט געפלעגט זאָגען: אויף דריי זאַכען שטעהט די וועלט — אויף דער תורה, אויף דינען ג-ט און אויף גוטע מעשים.

ג

אַנטיגנוס פון סוכו, האָט געלערנט ביי שמעון הצדיק ער (אַנטיגנוס) האָט געפלעגט זאָגען: זייט נישט, ווי די קנעכט, וואָס דינען דעם האַר אויף צו בעקומען אַ שכר. נאָר זייט ווי די קנעכט, וואָס דינען דעם האַר נישט צוליעב קיין שום שכר. און — די מורא פאַר ג-ט זאָל זיין אויף אייך.

*) יעדע שולע, אָרגאַניזאַציע און גרופּע, קאָן בעקומען צוגעשיקט די העקטאָגראַ- פישע. זעהר רייכע און בעלעהרענדע קאָמענטאַרען אויף פרקי-אבות, בעאַרבייט לויט'ן בר- טנרוא, תפארת ישראל, מדרש שמואל און דר' לעהמאַנ'ס „שפּריכע דער פעטער" — אויפ'ן פערלאַנג ביים צענטראַלען סעקרעטאַריאַט פון „בנות אגודת ישראל" אין פולען.

ד

יוסי בן יועזר פון צרדה און יוסי בן-יוחנן פון ירושלים האָבען געלערנט בײ זײ (בײ שמעון הצדיק און בײ אַנטיגנוס פון סוכו) יוסי בן יועזר פון צרדה זאָגט: זאָל דײן הויז זײן אַ הויז וואו עס קומען זיך צוזאַמען די חכמים. זאָלסט דיך וואַלגערען אין שטויב פון זײערע פיס און זאָלסט מיט דורשט טרינקען זײערע רײד.

ה

יוסי בן יוחנן פון ירושלים זאָגט: זאָל דײן הויז זײן אָפען פאַר אַלעמען אָרימע לײט זאָלען זײן דײנע הויז-מענשען; רעד נישט צופיעל מיט דער פרוי — דאָס איז געזאָגט געוואָרען וועגען דער אײגענער פרוי אַפּשיטא שוין מיט אַ פרעמדע. פון דאַנען דרינגען די חכמים. אַז ווער עס רעדט צופיעל מיט אַ פרוי ברענגט זיך אַלײן שלעכטס, ער הערט אויף צו לערנען די תורה און דער סוף איז — ער פאַלט אַרײן אין גיהינום.

ו

יהושע בן פרחיה און נתאַי פון אַרבל האָבען געלערנט בײ זײ (בײ יוסי בן יועזר און בײ יוחנן פון ירושלים). יהושע בן פרחיה זאָגט: שאַף דיר אַ לערער, קויף דיר אַ חבר, און אורטײל יעדען מענש צום גוטען.

ז

נתאי פון אַרבל זאָגט: דערווײטער דיך פון אַ שלעכטען שכן, חבר דיך נישט מיט קײן רשע און צווײפעל נישט אין דער שטראָף (וואָס ג-ט שיקט פאַר די שלעכטע מעשים).

ח

יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח האָבען געלערנט בײ זײ (בײ יהושע בן פרחיה און בײ נתאי פון ארבל) יהודה בן טבאי זאָגט: פיהר דיך נישט (בײ דער דין תורה) ווי די אַדוואָקאַטען; בעת די צדדים וואָס משפט'ען זיך שטעהען פאַר דיר, האַלט זײ בײדע פאַר שולדיג, און ווען זײ געהען פון דיר אַוועק זאָלסטו זײ האַלטען פאַר אונשולדיג — זײ האָבען דאָך שוין אויף זיך גענומען דעם פסק (וואָס די דין תורה האָט אַרויסגעגעבען).

ט

שמעון בן שטח זאָגט: זאָלסט אַלזײטיג אויספאָרשען די עדות. און רעכען זיך מיט דײנע ווערטער (בײ דער דין תורה) כדי פון זײ (פון דײנע אײגענע ווערטער) זאָלען זײ (די עדות) זיך נישט לערנען קײן ליגען.

י

שמעיה און אַבטליון האָבען געלערנט בײ זײ (בײ יהודא בן טבאי און בײ שמעון בן שטח) שמעיה זאָגט: האָב ליב די מלאכה, יאָג דיך נישט נאָך הערשאַפט און שטופּ דיך נישט, צו די וואָס האָבען די מאַכט.



יא

אַבטליון זאָגט: חכמים! היט אײך מיט אײערע רײד, איהר קאָנט נאָך (דורך די דאָזיגע רײד) זיך פערשולדיגען אַרויסגעטריבען צו ווערען אין גלות, אויף אַ אָרט פון שלעכטע וואַסער און עס וועלען דערפון (פון דעם דאָזיגען וואַסער) טרינקען די תלמידים, וואָס וועלען קומען נאָך אײך און זײ וועלען דערפון שטאַרבען, אַזוי אַרום וועט גאָט'ס נאָמען ווערען פערשוואַכט.

יב

הלל און שמאי האָבען געלערנט בײ זײ (בײ שמעיה און אַבטליון) הלל זאָגט: זײ פון אַהרן הכהנ'ס תלמידים: האָב ליב דעם שלום און שטרעב צו שלום. האָב ליב די מענשען און ברענג זײ (אַז זײ זאָלען היטען) צו דער תורה.

יג

ער האָט אויך געפלענט זאָגען: ווער עס יאָגט זיך נאָך אַ נאָמען (כבוד) — פערלירט זײן נאָמען. ווער עס פערפאָלקאָמט זיך נישט (אין דער תורה) - ווערט פערטעמפט; ווער עס לערנט נישט — פערדיענט זיך דעם טויט און ווער עס בענוצט זיך מיט דער קרוין פון דער תורה – מוז אונטערגעהען.

יד

ער האָט געפלעגט זאָגען: אַז איך בין נישט פאַר מיר – ווער זשע דען איז פאַר מיר? אַז איך בין נאָר פאַר מיר — וואָס בין איך דען דע-מאָלס? און אויב נישט איצט – ווען דען?

טו

שמאי זאָגט: בעשעפטיג דיך דער עיקר מיט דער תורה. זאָג ווייניג און טו אַ סך און נעם אויף יעדען מענש מיט אַ פרײנדליך פנים.

טז

רבן גמליאל זאָגט: שאַרף דיר אַ לערער וועט ער דיך אַרויסנעמען פון יעדען ספק (ביים לערנען תורה) גיב נישט קײן מעשר לויט'ן בלויזען אָב-שאַצונג פון אויג.

י"ז

שמעון זײן זוהן (רבן גמליאל'ס) זאָגט: מײן גאַנץ לעבען בין איך ער-צויגען געוואָרען צווישען חכמים. און האָב נישט געפינען קײן בעסערע זאַך פאַר'ן גוף, ווי שווײגען שטיל. נישט דאָס לערנען איז דער עיקר נאָר די מעשים (פון מענש), ווער עס רעדט צופיעל ברענגט צו זינד.

י"ח

רבן שמעון בן גמליאל זאָגט: אויף דרײ זאַכען שטעהט די וועלט: אויף אמת אויף גערעכטיגקײט און שלום ווי עס שטעהט געשריבען: אמת גערעכטיגקײט און שלום, זאָלט איהר משפט'ן אין אײערע טויערן.

ר׳ חנניה בן עקשיה זאגט: דער אויבערשטער האט געוואלט מזכה זיין דאס פאלק ישראל — האט ער איהם געגעבען די תורה און א סך מצות. עס שטעהט געשריבען: ג-ט האט געוואלט אין זיין גערעכטיגקייט, האט ער די תורה פערגרייסערט און פערשטארקט (ישעי׳ מ״ב כ״א).

# שיר השירים

(בילד)

געווען איז עס פאר פסח-צייט, ווען עס הויבט אן צו בלאזען דאס ערשטע פריהלינגס-ווינטעל אויף ג-טס וועלט, ווען די הערצער פון דער יוגענד הייבען אן נאך דעם לאנגען ווינטער אביסעל אויפצולעבען, און יעדעס יוגענד-ליכע האַרץ הויבט אן צו בענקען און צאַפלען, יעדער לויט זיין השגה — צו זיין ציעל און אידעאַל. דאַמאַלס האָט אויך אָנגעהויבען צו נאָגען עפעס אַ געהיימניספולע מיסטישע בענקשאַפט די אידעלסטע האַרץ-סטרונעס פון יונגען *) פערליבטען קעניג שלמה.

און די אינערליכע בענקשאַפט האָט אויך איהרע אויסערליכע צייכענס געגעבען. דער יונגער קעניג האָט פערלוירען דעם אַפעטיט צום עסען, די בעסטע און שענסטע מאַכלים האַבען איהם נישט געשמעקט, גאַנצע נעכט איז ער געלעגען וואַך אויפ׳ן געלעגער, זיך געדרעהט פון איין זייט אויף דער צווייטער, און בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפען. און גאַנצע טעג האָט ער אַרומשפאַצירט איבער זיינע עלעגאַנטע צימערען פערטראַכטערהייד.

און געטראַכט האָט ער וועגען גלות השכינה און כנסת ישראל, „בנים שגלו מעל שלחן אביהם", דערויף האָט איהם זיין האַרץ געבלוטיגט, און ווי אַ שווערער שטיין וואָלט ביי איהם אויפ׳ן האַרצען געלעגען און שרעקליך געדריקט.

און געפיהלט האָט ער, אַז ער דאַרף נויטיג האַבען פאַר וועמען זיך דאָס האַרץ אַבצורעדען איינער וואַס זאָל בעוויליגען זיין קאָפּ ביי איהם אויפ׳ן שויס אַנידערצולעגען, און ער זאָל אין איהם אַריינזינגען זיינע בענקענדע מעלאָדיעס צו דער שכינה, נאָך וועלכע דאָס האַרץ גאַפט אַזוי. אוי איז אַזש „קראַנק פאַר ליעבשאַפט" — חולת אַהבה.

*) שה״ש כתב בילדותו. מדרש קהלת.



* * *

געווען איז עס אַ ניסן-פאַרנאַכט, און אַלע ירושלים׳ער „חצרות" האָבען זיך געפאַרעט יונגע און אַלטע פרויען אַרום די שטוב-מעבעל, און קיך-געשיר, געהאַלטען אין מיטען רעכטען קראַצען, שאָבען, רייבען, כשר׳ען. די ירושלים׳-ער גאַסען זענען געווען איבערפולט פון חדר-יונגלעך, וועלכע האָבען אַהיים-געהענדיג פון חדר געכאַפט אַ שטיף אויף דער פרישער מחיה׳דיגער פריהלינג-לופט, — דאַן איז אויך אַרויסגעגאַנגען פון זיין פאַלאַץ אויף די ירושלים׳ער גאַסען דער יונגער קעניג שלמה — כאַפען אַ ביסעל פרייע פרישע לופט.

און אַזוי האָט שפאַצירט דער יונגער קעניג פערטראַכט אין זיינע מיס-טישע געדאַנקען, אינגאַנצען אויסגעטהון פון דער וועלט, איינגעטהון אין אַ העכערער וועלט, אין אַ עולם האצילות, נישט בעמערקענדיג וואָס עס טהוט זיך אַפילו האַרט נעבען איהם.

דער קעניג האָט אַזוי שפאַצירט פון איין גאַס אין דער צווייטער, פון איין גאַס אַרויס אין דער צווייטער אַריין, ביז ער איז אונבעמערקט פאַר זיך זעלבסט, ווייט אַריבער די חומות ירושלים, און זיך פלוצלונג אַרומגעזעהן אַז ער שטעהט איינער אַליין אויפ׳ן פרייען פעלד.

קענטיג, אַביסעל מיעד פון אַנשרענגונג, האָט זיך דער קעניג האַסטיג אויסגעלעגט אויפ׳ן דופטיגען גראָז, געקוקט גלייך מיט׳ן פנים אַרויף צום קלאָ-רען הימעל, צו דער זיך-רויטלענדער אונטערגעהענדער זון און ווייטער, מיט נאָך מעהר ליידענשאַפט, זיין טרוים פאָרטגעזעצט.

ער האָט זיך דאַן אין מיטען דערינען אַ טאַפּ געטהון אין בוזעם-טאַש, און מיט אַ צופריעדען שמייכעל אויף די ליפען — דערפון וואָס ער האָט געפונען, דאַס וואָס ער האָט געזוכט — ה׳ט ער אַרויסגענומען פון דאָרטען אַפּאָר בייגעלעך פאַפּיער מיט אַ בליי-שטיפט און זיך געזעצט שרייבען. —

אַ הייליגער פייער האָט זיך דאַמאָלס אָנגעצינדען אין דעם קעניג׳ס אוי-גען, זיין געזיכט האָט ביי איהם געפלאַמט מיט אַ „ג-טליכען פלאַם" (שלהבת י׳) אָבשפיגלענדיג אויף זיך די רויטע שטראַהלען פון דער אונטערגעהענדער זון. און זיין האַנד האָט ציטערדיג שנעל געשריבען איבער די לעדיגע בלעטלעך.

צוזאַמען געוואַקסען איז דאַמאַלס אויף יענעם פעלד, די גאַנצע ב ר י א ה. הימעל און ערד, פעלדער און וועלדער, בוימער און טייכען, אַלעס האָט זיך באַהעפט צו איהר שורש — צום ג-טליכען גייסט. און אין דער מיטען פון דער דאָזיגער נאַטור-צוזאַמענוואוקס איז געזעסען דער וועלט פאָעט, דאָס אידעלסטע האַרץ, און צאַרטסטע נשמה און איהר שירה געזונגען. עס פעראיי-ביגענדיג, גלייכצייטיג, אויף די לעדיגע פאַפּיער-בלעטלעך.

און אַזוי אַרום איז דאַן געשאַפען געוואָרען דער אַזוי-בעריהמטער הייליג-ליידענשאַפטס-פולער — ש י ר  ה ש י ר י ם!

דער יונגע״ יודישער קעניג האָט דאַן קאָנצענטרירט אין זיין האַרץ
„קדשא בריך הוא״ די שכינה און די „כנסת ישראל״, און אַרומיצנומען מיט'ן
רוח־הקודש־גייסט, האָט ער פאַר ביידענס־וועגען זיינע פערזען געשריבען.
עס האָט דאַן די כנסת ישראל דורך איהר טריבון אַרויסגעזאָגט, דעם
ישקני מנשיקות פיהו, משכני אַחריך נרוצה, דודי לי ואַני לו, השבעתי אתכם
בנות ירושלים, אם תעירו ואם תעוררו את האַהבה, א. ז. וו. א. ז. וו.
און עס האָט דאַמאָלס דער אייבערשטער דורך זיין גזאַלבטען און
אויסדערוועהלטען געענטפערט דעם: „הנך יפה רעיתי, כשושנה בין החוחים
כן רעיתי בין הבנות. כולך יפה רעיתי ומום אין בך״, א. ז. וו. א. ז. וו.
ווען דער יונגער יודישער קעניג האָט געענדיגט זיין הימלישע פּאָעמא.
האָט ער זיך אַרומגעזעהן אַז די זון איז שוין אַרונטער אונטער די וואָלקענס.
און אויפ'ן הימעל פינקלען שוין שטערען. ער האָט שנעל געכאַפּט די אָנגע־
שריבענע בלעטלעך, בעהאַלטען אין קעשענע, עס פעסט צודריקענדיג צו זיך
און זיך געלאָזט לויפען אַהיים.

* * *

קומענדיג אַ היים האָט ער דעם שיר פיעל, פיעל מאָל איבערגעליינט.
און נאַכהער עס ערגעץ וואו, גוט בעהאַלטען.
דאָך פלעגט ער עס אָפט אַרויסנעהמען, און אָבזיצען גאַנצע שעה'ן
איבער דעם פערטראַכטערהייד.
שפּעטער האָט עס ווער ענטדעקט צווישען דעם קעניג'ס כתבים. און ער
האָט דער וועלט מזכה געווען מיט דעם „שיר השירים״ און מיט אַ טאָג וואָס
„לא הי' העולם כדאי כיום שניתן בו שיר השירים לישראל״. (די וועלט
איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי וויכטיג ווי אין דעם טאָג וואָס די יודען האָבען
בעקומען דעם „שיר השירים״)

ל. שיף.



# דער סנה

פון מ. מייזעל

פּאַשעט משה יתרו'ס שאָף,
פלוצים אַ בילד — זיין אויג ווערט פערבלענדט,
דער סנה שטעהט אין פייער, ברענט אָהן אַ סוף,
דער תוך אָבער גאַנץ בלייבט, ער ווערט ניט פערברענט.

*

וואונדערט זיך משה אויפ'ן זעלטענעם בילד,
ער קוקט און ער קוקט און ער ווערט גאָרניט מיד,
ער הערט אויך אַ שטימע אַ זאַנפטע און מילד,
עס ווערט איהם באַלד קלאָר די צוקונפט פונ'ם איד.

*

דער בראָך פון מיין פאָלק מאַכט די הערצער צוגעהן,
עס ווערט שטאַרק דערשלאָגען דעם אידענ'ס נשמה,
עס הערט זיך איהר קרעכצען, איהר ביטער געוויין,
און ס'זעהט זיך קיין טרייסט נישט, קיין פונק פון נחמה.

*

בלבולים אַלין נייע זיי זוכען און טראַכטען
זיין בלוט גאַנצע עמער, ווי טרינקען און זויגען,
ניט יונגער, ניט עלטער, זיי ווילען דאָרט אַכטען,
און פּייניגען קינדער פאַר עלטערענ'ס אויגען.

*

נאָר ג—ט, דער אַלמעכטיגער האַר פון דעם הימעל,
פון צווישען דעם פייער און דאָרן ערשיינט,
ער וויסט ניט פון שלאָף, ער ווייסט ניט פון דרימעל,
ער היט זיי אי נעכטען, אי מאָרגען, אי היינט.

*

דו ברענסט ווי אַ סנה, פאָלק ישראל, אָהן ציעל!
דיין יסוד, אָבער, קען אויך דער פלאַם ניט פערברענען.
און משה פערשטעהט פון דעם סנה זעהר פיעל:
— מ'מוז אידען בעפרייען, מען וועט עס אויך קענען! . . .

# לאמיר האפען!

(נאָך דער קאָנפערענץ פון „בנות אגודת ישראל״ אין פוילען)

אַ בעדייטענד און וויכטיג געשעהעניש איז פאָרגעקומען אין דער
אָרטאָדאָקסישער וועלט. אַ פאַנטאַסטישער טרוים איז פערווירקליכט
געוואָרען: טויזענטע יודישע טעכטער וואָס זענען שטאָלץ מיט זייער יו־

דישקייט און האָבען דעם מוט נאָך אַנדערע צו בעגייסטערען פאַר דעם זעלבען אידעאַל זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ קאָנפערענץ און האָבען דער ברייטער וועלט הויך און דרייסט ערקלערט, אַז זיי בעזיצען ווילען, ענערגיע און התלהבות צו לעבען, ווירקען און שאַפען אינ׳ם גייסט פון דער תורה און ווילען זיך נאָך אָפּפערן, אַלע יודישע פרויען און טעכטער מקרב צו זיין צו אָט דעם הייליגען ציעל.

ווידער אַמאָל אַ קידוש-השם-מאָמענט אין דער געשיכטע פון „אגודת ישראל״! כמעט לעגענדאַריש האָבען געקלינגען אינ׳ם עכא פון קאָנפערענץ-זאַל די ענטוזיאַסטישע שטימען פון די דעלעגאַטינס. אַלע בעזעלט מיט איין געדאַנק, מיט איין געמיינזאַמען אידעאַל — דער אידעאַל פון די פרויען-העלדינס אין דער יודישער געשיכטע. זייער בעגייסטערטער רוף צו די בלאָנדזענדע יודישע טעכטער, האָט אויסגעזעהען ווי אַ בעניאונג פון דעם אַמאָליגען התעוררות-רוף פון אַ דבורה הנביאה: ערוואַכט יודישע טעכטער, קומט צוריק אַהיים, ווערט טריי אונזער אמונה, ווייסט אַז צו דענקען און לעבען י ו ד י ש, לערנען און שטודירען די אמת׳ע יודישע קולטור — דאָס איז דער שיינסטער און ערהאַבענסטער לעבענס-ציעל פאַר אַ יודישע טאָכטער!

דאָס אַליין האָט געקאָנט איבערצייגען, אַז אַ נייע עפּאָכע הויבט זיך אָן, קודם-כל אינ׳ם יודישען פאַמיליען-לעבען, וואו מוטער און טאָכטער האָבען די הויפּט-דעה און דעצידירענ[illegible]טע השפּעה.

אמת, אַז די קאָנפערענץ אַן-און פאַר-זיך איז געוועזען אַ וויכטיג געשעהעניש און וועט בלפי-חוץ ווי בלפי-פנים האָבען געמאַכט דעם געהעריגען רושם. דערביי דאַרף מען אָבער נישט פערגעסען, אַז די בעוועגונג פון „בנות אגודת ישראל״, איז ערשט אַריין אין די „קינדער-שיכלעך״. מ׳שטעהט ערשט אויף דער שוועל, אַריינצוגעהן אין דער אייגענטליכער אַרבייטס-תקופה פון דער בעוועגונג.

און די פראַגע איז יעצט:

וואָס סאַר׳אַ פּאָזיטיווע מיטהילף וועט דערצו געבען „אגודת ישראל״? צי וועט מען יוצא זיין, בלויז מיט ווערטער און בעגריסונגען, אָדער, עפּעס ממשות׳דיגעס דערפאַר בעווייזען?

צי וועט פאַר דער אָרטאָדאָקסיע דינען אַלס מוסר השכל די טרויעריגע פערגאַנגענהייט און אַפילו געגענוואַרט: דער גייסט פון כפירה און מינות האָט אַרויסגעריסען צענדליגער טויזענדער יודישע טעכטער פון זייער מוטער׳ס שויס און זיי פערשלעפּט אין אַזאַלכע מחנות, וואו מען חוזק׳ט אָפּ פון אַלעם וואָס איז אונז הייליג און טייער.

„בנות אגודת ישראל״ איז אָבער אַ ליכטיגער שטראַהל פון האָפנונג צוריקצוגעווינען, אויב נישט אַלע, אָבער דאָך אַ גרויסען טייל פון די יודישע טעכטער, פאַר׳ן רעליגיעזען יודענטום און זיינע הייליגקייטען.

לאָמיר דעריבער האָפען, אַז „אגודת ישראל״ בכלל און גאַנץ בעזונדער די לייטענדע אָרגאַנען פון דער אגודה, וועלען גייסטיג און מאַטעריעל שטיצען די נאָך דערווייל זיך-שאַפענדער בעוועגונג און איהר געבען די מעגליכקייט צו פערענדיגען דאָס גרויסע ווערק צום כבוד און רוהם פון „אגודת ישראל״.

לאָמיר האָפען!

א. נאַכמאַנאָוויטש.



עס ווערט פאָרגעליינט שריפטליכע און טעלעגראַפישע בעגריסונגען פון: אגודה-צענטראַלע – וואַרשא, דעפוטאַט הרב. לעווין שליט״א – סאַמבאָר׳ (פרעזידענט פון אַלוועלטליכען צענטראַל-ראַט פון אגודת ישראל); הרב ר ט. הורוויץ שליט״א – ריישא; א. ז. פרידמאַן – וואַרשא, ש. ג. ריטמייסטער — וואַרשא, מ. בוימבערג – וואַרשא, י. אונגער — וואַרשא, דר. ב. פעסלער — קאָלאָמעאַ, מ. שוואַרצמאַן – שעדלעץ; רעדאַקציעס: „אונזער וועג״ — שעדלעץ, „דאָס וואָרט״ – ווילנא; „בנות אגודת ישראל״ — ציריך, פרל. י ראָזענבוים – פראַנקפורט; „בנות אגודת ישראל״ אָרגאַניזאַציעס אין: מאַקאָוו. קאָזשמינעק, וויערושאָוו, און אַנדערע.

דר. ש. ד ײ ט ש ל ע נ ד ע ר — (וויען) האַלט אַ לענגערע בעגריסונגס-רעדע, אין נאָמען פון אַלוועלטליכען ועד הפועל פון „אגודת ישראל״, און אונטערשטרייכט די גרויסע בעדייטונג פון דער אָרטאָדאָקסישער פרויען-אָרגאַניזירונג, וואָס זייער טעטיגקייט דאַרף באַזירען אויף די יסודות פון תורה, עבודה און גמלות חסדים און בעטאָנט, אַז די צוזאַמענאַרבייט פון דער אָרטאַדאָקסיע אין מזרח און מערב דערנעהנטערט צו דערגרייכען אונזער הייליגע ציעלען.

דאָזאָר יוסף וואָידיסלאַווסקי בעגריסט אין נאָמען פון דער אגודה אין לאָדז, ווינשט ערפאָלג די קאָנפערענץ און ערקלערט, אז די לאָדזער אגודה וועט אונטערשטיצען מיט אַלע כחות די דאָזיגע בעוועגונג.

דר. א. מ ו נ ק (בערלין) בעגריסט אין נאָמען פון „עזרא-בונד״ אין דייטשלאַנד און זאָגט, אַז די הויפּט-אויפגאַבע דאַרף זיין, צו געבען די מיטגלידערינס פון „בנות אגודת ישראל״ תורה-וויסען.

פרל. ק אָ ז ל אָ ו ו ס ק אַ (לאָדז) בעגריסט אין נאָמען פון „בנות אגודת ישראל״ אין לאָדז, בעמערקענדיג די גרויסע לייסטונגען פון דער אָרגאַניזאַציע אין לאָדז און דריקט אויס איהר פערווינדערונג אויף דער „אגודת ישראל״, וועלכע ווייזט אַרויס אַזא ווייניגען אינטערעס צום פערשטאַרקען דעם רעליגיעזען גייסט אין די רייהען פון די יודישע פרויען און טעכטער.

עס בעגריסען נאָך: פרוי פּאָגעל – לעהרערין פון בית-יעקב-שולע אין לאָדז, פרל. יערוזאַלים און פרל. גרינבערג — שילעריןס פון לאָדזער בית-יעקב-שולע, פרוי גינציג – קראַקאָ. פרל. טרויבע — בלאַשקי, פרל. טרויבע – פּיעטרקאָוו. פרל. שעקירקאַ — גאמבין, פרל. שאַפּיראָ — קאַליש און צום לעצט האַלט אַ לענגערע בעגריסונג פרל. ראָטשילד — אין נאָמען פון „בנות אגודת ישראל״ אין ציריך.

אַלע רעדנערינס האַלטען די בעגריסונגס-רעדעס אין אַ געהויבענער שטימונג און מיט פול התלהבות פאַר דער דאָזיגער בעוועגונג און דערצעהלען וועגען דעם ענטוזיאַזם וואָס די קאָנפערענץ האָט אַרויסגערופען אויף דער

# ערשטע קאָנפערענץ פון „בנות אגודת ישראל" אין פוילען

## (פּראָטאָקאָל)

מאָנטאָג און דינסטאָג, כ״ב און כ״ג אדר ה. י., איז אין לאָדז אין לאָקאַל פון „בית-יעקב"-שולע (פּיראַמאָווייטשאַ 14), פאַרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די אָרגאַניזאַציעס „בנות אגודת ישראל" אין פוילען. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך בעטייליגט דעלעגאַטינס פון בערך 60 שטעדט אין פוילען, און איניגע חשובע געסט פון אויסלאַנד צוו. אַנד.: דירעקטאָר פון דער אַלוועלטליכער קרן-התורה-צענטראַלע — דר. שמואל דייטשלענדער (ווין); פיהרער פון די אָרטאָדאָקסישע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד — דר. אלי' מונק (בערלין); פאָרשטעהערין פון „בנות אגודת ישראל" אין דער שוייץ (איצט, דאָצענטין אין קראָקאַווער בית-יעקב-סעמינאַר) — פרל. בעטי ראָטשילד (ציריך), א. א.

### ערשטע זיצונג.

מאָנטאָג האַלב 1 בייטאָג עפענט די קאָנפערענץ רעדאַקטאָר ה׳ א. ג. פ ר י ד ע נ ז א ָ ן אין נאָמען פון צענטראַלען סעקרעטאַריאַט. מיט אַ קורצער ערעפנונגס-רעדע, אין וועלכער עס ווערט בעטאָנט די שמחה-שטימונג וואָס הערשט אין דער אָרטאָדאָקסישער וועלט צוליב דער קאָנפערענץ, וואָס האָט דעם ציל צו קאָנצענטרירען און צו פעראייניגען די יודישע פרויען און טעכטער אונטער די פאַהן פון „אגודת ישראל". דער רעדנער בעגריסט גלייכצייטיג וואַרם די אויסלענדישע געסט און דריקט אויס די האָפנונג, אַז זייער אַנטייל וועט מיטווירקען צו דערגרייכען אַ פּראָדוקטיווע אַרבייט לטובת דער ענטוויקלונג און פערשטאַרקונג פון דער נאָך יונגער בעוועגונג.

די קאָנפערענץ וועהלט דאַן אַ פרעזידיום פון: פרוי פעסע זעמבאַ (לאָדז), פרל. ראָטשילד (ציריך), פרל. מאָנדראַ (מלאַווא), פרל. שטשערזינסקאַ (קראָקאָ). אַלס סעקרעטאַרינס: פרל. קאָזלאָווסקאַ (לאָדז), פרל. שיקיערקאַ (גאמבין) און פרל. ראָזאַ (וואַרשאָ).

אַלס פאָרזיצענדערין ווערט געוועהלט פרוי זעמבאַ (פאָרזיצענדערין פון „בנות אגודת ישראל" אין לאָדז). פרוי זעמבאַ דאַנקט פאַר'ן כבוד צו זיין פאָרזיצענדערין פון דער ערשטער קאָנפערענץ פון „בנות אגודת ישראל" און האַלט אַ שעהנע בעגריסונגס-רעדע לכבוד די דעלעגאַטינס.



גאַנצער פּראָווינץ און דריקען אויס זייער איבערציינונג, אַז מיט דער אָרגאַניזירונג פון „בנות אגודת ישראל" הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אינ'ם לעבען פון דער יודישער פרויען-וועלט פאַר דער אויפלעבונג פון יודישען תורה-גייסט און אגודה-אידעאַל.

עס ווערט געלייענט אַ טעטיגקייטס-בעריכט פון צענטראַלען סעקרעטאַריאַט פון וועלכען עס איז צו זעהן, אַז די אַרבייט פון במשך 3 חדשים איז געווען אַ אָנגעשטרענגטע און פיבערהאַפטע. עס איז אַ סך געשאַפען און דערגרייכט געוואָרען, בפרט ווען מ'נעמט אין אַכט, אַז דאָס צ. ס. האָט נישט געהאַט קיין שום געלד-מיטלען. דער וויכטיגסטער רעזולטאַט פון דער אַרבייט — איז די קאָנפערענץ גופא. דער בעריכט ענדיגט זיך מיט'ן וואונש, אַז עס זאָלען געשאַפען ווערען די געהעריגע געלד-מיטלען און דאַן ערשט וועט זיין די מעגליכקייט אויף אַ ערפאָלגרייכער טעטיגקייט.

עס געבען אָפּ טעטיגקייטס-בעריכטען פון די אָרגאַניזאַציעס אין זייערע שטעדט, די דעלעגאַטינס: פרל. שטשערזינסקאַ (קראָקאָ), פרל. קאָזלאָווסקאַ (לאָדז), פרל. טויבע (בלאַשקי), פרל. שאַפּיראָ (קאַליש), פרל. ראָזאַ (בענדין), פרל. ראָזענצווייג (לאַסק). פרל. עדעליסט (טשענסטעכאָוו) און פרל. האבערמאַן (זאַוויערטשע).

פון די בעריכטען איז צו זעהן, אַז די אָרגאַניזאַציעס האָבען פערהעלטניסמעסיג געפיהרט אַ שיינע טעטיגקייט. און דאַן איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען וועגען דער נויטיקייט אין אַ טעטיגע צענטראַלע, פיהרערינס, אינסטרוקציעס, אדגל. עס איז אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרען וועגען דער וויכטיגקייט פון דער אָרגאַניזירונג פון „פועלות אגודת ישראל". גאַנץ בעזונדער האָבען זיך אויסגעצייכענט אין זייער טעטיגקייט די אָרגאַניזאַציעס אין לאָדז, וואַרשאַ, בענדין און בלאַשקי. דעם אויבענאַן פון דער טעטיגקייט האָט פערנומען קראָקאָ, וואו די גאַנצע אַרבייט איז געפיהרט געוואָרען אונטער די לייטונג פון פרל. ראָטשילד (ציריך). די אַרבייט האָט זיך אין קראָקאָ אויסגעצייכענט אויף פערשידענע געביטען, ווי: שעורים פאַר למודי-קדוש, קורסען פאַר למודי-חול, סאָציאַלע הילף, אדגל.

די ערשטע זיצונג איז געשלאָסען געוואָרען 4 נאָכמיטאָג.

### פייערליכע עקזאַמענס אין בית-יעקב-שולע

אין צווישען דער ערשטער און צווייטער זיצונג איז פאַרגעקומען די עקזאַמענס פון די שילערינס אין בית-יעקב-שולע (פּיראַמאָוויטשאַ 14) ביי דער אַנוועזענהייט פון דר. דייטשלענדער, לייטער פון דער שולע ה׳ י. נ. ק״מיעניעץ, ראַטמאַן ש. מ. פראגער (זד. וואָלאַ), א.א.

די שילערינס פון אַלע קורסען האָבען זיך אויסערגעווערליך אויסגעצייכענט און דר. דייטשלענדער האָט פאַר זיי געהאַלטען אַ שיינע רעדע, אויסדרוקענדיג זיין בעגייסטערונג פון די גוטע ערפאָלגען פון די בית-יעקב-שולע און אַפעלירט צו די שילערינס, אַז זיי זאָלען זיין תורה-טרייע טעכטער.

### די צווייטע זיצונג

האָט זיך געעפענט 6 אָוועגד און געפיהרט געוואָרען אונטער'ן פאָרזיץ פון פרל. ראָטשילד (ציריך).

פרל. מ אָ נ ד ר אַ (מלאווא) האָט געהאַלטען אַ לענגערען רעפעראַט וועגען די ציעלען און אויפגאַבען פון „בנות אגודת ישראל". די רעדנערין דערמאָנט אין ערשטער רייה די נויטווענדיגקייט פון צוזאַמענאַרבייט מיט אַלע אָרטאָדאָקסישע יוגענד-פרויען-אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד, בעזונדערס מיט „עזרא" אין דייטשלאַנד – דער ציעל דאַרף זיין, צו ענטוויקלען און פערשטאַרקען דאָס רעליגיעזע בעוואוסטזיין ביי די מיטגלידערינס, דורך איינאָרדנען שעורים פאַר למודי-קודש, ווי: תנ"ך, דינים, יודישע געשיכטע, א. ז. וו. די רעדנערין ערקלערט אויך די נויטווענדיגקייט פון אויסבילדען פיהרערינס, וועלכע זאָלען דינען אַלס גייסטיגע משפיעות אויף די מיטגלידערינס, איינאָרדנען קורסען פאַר אַלגעמיינע בילדונג אין די ראַהמען פון דער תורה; די אָרגאַניזאַציעס זאָלען פערנעמען זיך מיט איינאָרדנען אָפטע געמיטליכע צוזאַמענקונפטען אויספלוגע, אדגל. חוץ די קולטורעלע אויפגאַבען, דאַרפען זיך די אָרגאַניזאַציעס פערנעמען מיט אַרבייט אויפ'ן סאָציאַלען געביט. פון בעזונדערער וויכטיגקייט אַנערקענט די רעדנערין, פאַרצובערייטען די מיטגלידערינס, וואָס האָבען בדעה צו פאַהרען קיין ארץ-ישראל, און זיי בעקענען מיט'ן לאַנד, דורך ערלערנען די העברעאישע שפּראַך, א"י-געאָגראַפיע, די בעדייטונג פון קדושת הארץ, א. א. וו. די רעדנערין רעדט דאַן וועגען די נויטיגקייט פון אַ צענטראַלע, וועלכע זאָל אָנפיהרען מיט דער דאָזיגער גאַנצער טעטיגקייט און אַז דער „בית-יעקב" זשורנאַל זאָל זיין דער אָפיציעלער-אָרגאַן פון „בנות-אגודת ישראל" אין פוילען.

דר. מ ו נ ק (בערלין) ערגענצט דעם רעפעראַט פון פרל. מאָנדראַ, מיט אַ רייה פּראַקטישע אָנווייזונגען, ווי אַזוי דורכצופיהרען דעם אויסבילדונגס-קורס פאַר פיהרערינס.

ראַטמאַן ש. מ. פ ר א ג ע ר (זד. וואָלאַ) בעריהרט אַלס מיטגליד פון ועד הפועל פון „אגודת ישראל" אין פוילען און האַלט גלייכצייטיג אַ לענגערן רעפעראַט איבער די אויפגאַבען פון „בנות אגודת ישראל", אין וועלכען ער שטעלט זיך אָפּ דער עיקר אויף דער נויטיגקייט פון אויסבילדען פיהרערינס



און אַ צענטראַלע, וועלכע דאַרף זיך געפונען אין לאָדז, וואו עס געפונען זיך די געהעריגע קרעפטען, אָנצופיהרען מיט אַ צענטראַלע.

עס ענטוויקעלט זיך אַ דעבאַטע איבער'ן רעפעראַט פון פרל. מאָנדראַ, אין וועלכער עס בעטייליגט זיך: פרל. ראָזאַ (בענדין), פרל. שיקערקאַ (גאָמבין), פרוי פאָגעל (לאָדז), פרל. טרויבע (פיעטרקאָוו) א. א.

עס ווערען געוועהלט קאָמיסיעס פאַר: סטאַטוטען, – אין וועלכער עס געהען אַריין: פרל. מאָנדראַ, פרל. ראָטשילד, פרל. קאָזלאָווסקאַ, פרל. ראָזאַ (וואַרשא) און פרוי לעווקאָוויטש (לאָדז); פיהרערין-אויסבילדונג – אין וועלכער עס געהען אַריין: פרל. גינציג, פרל. האַבערמאַן, פרל. אַלטער (פאַביאַניץ) און פרל. מאָנדראַ; פרעסע און ליטעראַטור — אין וועלכע עס געהען אַריין פרל. גראָס (קראָקאַ), פרל. לאַנדוי (קראַקאָ), פרל. שיקערקאַ, פרל. ראָזאַ (בענדין), פרוי פאָגעל, פרל. גלינער (וואַרשא) און פרל. טרויבע (בלאַשקי).

די זיצונג ווערט געשלאָסען האַלב 11 אָוועגד.

### די דריטע זיצונג

איז פאָרגעקומען דינסטאָג 3 בייטאָג און געפיהרט געוואָרען אונטער'ן פאָרזיץ פון פרל. מאָנדראַ (מלאַווא).

באַלד נאָך דער ערעפנונג איז פאָרגעקומען אַ פאָטאָגראַפישע אויפנאַמע פון אַלע דעלעגאַטינס.

נאָכדעם האָט געהאַלטען דר. דייטשלענדער א זעהר אינהאַלטסרייכען פאָרטראַג, איבער דער בעדייטונג פון דער מסורה אַלס יסוד פון יודענטום אין זיין אייביגען עקזיסטענץ.

די קאָמיסיעס געבען אָפּ בעריכטען פון זייער טעטיגקייט.

נאָך אַ דעבאַטע איבער די פערשידענע פאָרשלאַגען מצד די קאָמיסיעס ווערען אָנגענומען די פאָלגענדע

### רעזאָלוציעס:

די קאָנפערענץ בעשליסט: ..

נ אָ מ ע ן, צ י ע ל ע ן א ו ן א ו י פ ג א ַ ב ע ן:

1) די אָרגאַניזאַציעס פון אָרטאָדאָקסישע פרויען און טעכטער אין פוילען, טראָגען דעם נאָמען: „בנות אגודת ישראל".

2) די „בנות אגודת ישראל" אין פוילען שטעהט אין פערבינדונג מיט די אָרטאָדאָקסישע פרויען-אָרגאַניזאַציעס אין אַלע לענדער, בעזונדער מיט די אָרטאָדאָקסישע פרויען-גרופען „עזרא" אין דייטשלאַנד.

3) „בנות אגודת ישראל" האָט דעם ציעל, בעוואוסטזיניג צו מאַכען די מיטגלידערינס און זיי ערציהען אַלס תורה-טרייע יודישע טעכטער אַזוי

די שילערינס פון אַלע קורסען האָבען זיך אויסערגעוועהנליך אויסגעצייכענט און דר. דייטשלענדער האָט פאַר זיי געהאַלטען אַ שיינע רעדע, אויסדרוקענדיג זיין בעגייסטערונג פון די גוטע ערפאָלגען פון די בית-יעקב-שולע און אַפעלירט צו די שילערינס, אַז זיי זאָלען זיין תורה-טרייע טעכטער.

די צווייטע זיצונג

האָט זיך געעפענט 6 אָוועגד און געפיהרט געוואָרען אונטער'ן פאָרזיץ פון פרל. ראָטשילד (ציריך).

פרל. מ אָ נ ד ר אַ (מלאווא) האָט געהאַלטען אַ לענגערען רעפעראַט וועגען די ציעלען און אויפגאַבען פון „בנות אגודת ישראל". די רעדנערין דערמאָנט אין ערשטער רייה די נויטוועגדיגקייט פון צוזאַמענאַרבייט מיט אַלע אָרטאָדאָקסישע יוגענד-פרויען-אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד, בעזונדערס מיט „עזרא" אין דייטשלאַנד – דער ציעל דאַרף זיין, צו ענטוויקלען און פערשטאַרקען דאָס רעליגיעזע בעוואוסטזיין ביי די מיטגלידערינס, דורך איינאָרדנען שעורים פאַר למודי-קודש, ווי: תנ"ך, דינים, יודישע געשיכטע, א. ז. וו. די רעדנערין ערקלערט אויך די נויטוועגדיגקייט פון אויסבילדען פיהרערינס, וועלכע זאָלען דינען אַלס גייסטיגע משפיעות אויף די מיטגלידערינס, איינאָרדנען קורסען פאַר אַלגעמיינע בילדונג אין די ראַהמען פון דער תורה; די אָרגאַניזאַציעס זאָלען פערנעמען זיך מיט איינאָרדנען אָפטע געמיטליכע צוזאַמענקונפטען אויספלוגע, אדגל. חוץ די קולטורעלע אויפגאַבען, דאַרפען זיך די אָרגאַניזאַציעס פערנעמען מיט אַרבייט אויפ'ן סאָציאַלען געביט. פון בעזונדערער וויכטיגקייט אַנערקענט די רעדנערין, פאַרצובערייטען די מיטגלידערינס, וואָס האָבען בדעה צו פאַהרען קיין ארץ-ישראל, און זיי בעקענען מיט'ן לאַנד, דורך ערלערנען די העברעאישע שפראַך, א"י-געאָגראַפיע, די בעדייטונג פון קדושת הארץ, א. א. וו. די רעדנערין רעדט דאַן וועגען די נויטיגקייט פון אַ צענטראַלע, וועלכע זאָל אָנפיהרען מיט דער דאָזיגער גאַנצער טעטיגקייט און אַז דער „בית-יעקב" זשורנאַל זאָל זיין דער אָפיציעלער-אָרגאַן פון „בנות-אגודת ישראל" אין פוילען.

דר. מ ו נ ק (בערלין) ערגענצט דעם רעפעראַט פון פרל. מאָנדראַ, מיט אַ רייהע פראַקטישע אָנווייזונגען, ווי אַזוי דורכצופיהרען דעם אויסבילדונגס-קורס פאַר פיהרערינס.

ראַטמאַן ש. מ. פ ר א ג ע ר (זד. וואָלאַ) בעריהרט אַלס מיטגליד פון ועד הפועל פון „אגודת ישראל" אין פוילען און האַלט גלייכצייטיג אַ לענגערען רעפעראַט איבער די אויפגאַבען פון „בנות אגודת ישראל", אין וועלכען ער שטעלט זיך אָפּ דער עיקר אויף דער נויטיגקייט פון אויסבילדען פיהרערינס



און אַ צענטראַלע, וועלכע דאַרף זיך געפונען אין לאָדז, וואו עס געפונען זיך די געהעריגע קרעפטען, אָנצופיהרען מיט אַ צענטראַלע.

עס ענטוויקעלט זיך אַ דעבאַטע איבער'ן רעפעראַט פון פרל. מאָנדראַ, אין וועלכער עס בעטייליגט זיך: פרל. ראָזאַ (בענדין), פרל. שיקערקאַ (גאָמבין), פרוי פאָגעל (לאָדז), פרל. טרויבע (פיעטרקאָוו)' א. א.

עס ווערען געוועהלט קאָמיסיעס פאַר: סטאַטוטען, – אין וועלכער עס געהען אַריין: פרל. מאַנדראַ, פרל. ראָטשילד, פרל. קאָזלאָווסקאַ, פרל. ראָזאַ (וואַרשא) און פרוי לעווקאָוויטש (לאָדז); פיהרערין-אויסבילדונג – אין וועלכער עס געהען אַריין: פרל. גינציג, פרל. האבערמאַן. פרל. אַלטער (פאַביאַניץ) און פרל. מאָנדראַ; פרעסע און ליטעראַטור — אין וועלכע עס געהען אַריין פרל. גראָס (קראָקאַ), פרל. לאַנדוי (קראָקאָ), פרל. שיקערקאַ, פרל. ראָזאַ (בענדין), פרוי פאָגעל, פרל. גלינער (וואַרשא) און פרל. טרויבע (בלאַשקי).

די זיצונג ווערט געשלאָסען האַלב 11 אָווענד.

די דריטע זיצונג

איז פארגעקומען דינסטאָג 3 בייטאָג און געפיהרט געוואָרען אונטער'ן פאָרזיץ פון פרל. מאָנדראַ (מלאַוואַ).

באַלד נאָך דער ערעפנונג איז פאָרגעקומען אַ פאַטאָגראַפישע אויפנאַמע פון אַלע דעלעגאַטינס.

נאָכדעם האָט געהאַלטען דר. דייטשלענדער א זעהר אינהאַלטסרייכען פאָרטראַג, איבער דער בעדייטונג פון דער מסורה אַלס יסוד פון יודענטום אין זיין אייביגען עקזיסטענץ.

די קאָמיסיעס געבען אָפּ בעריכטען פון זייער טעטיגקייט.

נאָך אַ דעבאַטע איבער די פערשידענע פאָרשלאַגען מצד די קאָמיסיעס ווערען אָנגענומען די פאָלגענדע

רעזאָלוציעס:

די קאָנפערענץ בעשליסט:

נ אָ מ ע ן, צ י ע ל ע ן א ו ן א ו י פ ג אַ ב ע ן:

1) די אָרגאַניזאַציעס פון אָרטאָדאָקסישע פרויען און טעכטער אין פוילען, טראָגען דעם נאָמען: „בנות אגודת ישראל".

2) די „בנות אגודת ישראל" אין פוילען שטעהט אין פערבינדונג מיט די אָרטאָדאָקסישע פרויען-אָרגאַניזאַציעס אין אַלע לענדער, בעזונדער מיט די אָרטאָדאָקסישע פרויען-גרופּען „עזרא" אין דייטשלאַנד.

3) „בנות אגודת ישראל" האָט דעם ציעל, בעוואוסטזיניג צו מאַכען, די מיטגלידערינס און זיי ערציהען אַלס תורה-טרייע יודישע טעכטער אַזוי

דאָס זייער פּריוואַט און געזעלשאַפטליך לעבען זאָל זיין אינ'ם גייסט פון תורה ומסורה.

4) אַלע אָרטס-גרופּען פון „בנות אגודת ישראל" דאַרפען צו דעם צוועק איינאָרדנען שעורים פאַר למודי-קודש, ווי: תנ"ך, דינים, יודישע געשיכטע תפלה, יודישע עטיק, א. ז. וו.

5) עס דאַרפען אויך איינגעאָרדענט ווערען, אויפ'ן פערלאַנג פון די מיטגלידערינס, קורסען פאַר פראָפאַנע למודים, וואָס זענען נישט אין סתירה צו תורה ומסורה.

6) איינאָרדנען אָפטע געמיטליכע צוזאַמענקונפטען, שיחות-חברות, אויספלוגען, אדגל. בכדי צו פערבינדען צווישען די מיטגלידערינס פריינדליכע בעציהונגען.

7) איינאָרדנען פאַך-קורסען, וועלכע זאָלען גלייכצייטיג אויך געבען די מעגליכקייט, אויסצובילדען פאַכמעניש די יעניגע וואָס האָבען בדעה צו בעזעצען זיך אין ארץ-ישראל.

8) די אָרגאַניזאַציעס דאַרפען אין אַ גרויסער מאָס זיך פערנעמען מיט אַרבייט אויפ'ן פילאַנטראָפּישען געביט.

9) די אָרגאַניזאַציעס דאַרפען מיטהעלפען און שטיצען די בית-יעקב-שולען גייסטיג און מאַטעריעליש.

10) די אָרגאַניזאַציעס דאַרפען זאָרגען, אַז אַלע רעליגיעזע טעכטער פון 14 יאָהר אָן, זאָלען ווערען מיטגלידערינ'ס אין „בנות אגודת ישראל".

11) די אָרגאַניזאַציעס „בנות ישראל" דאַרפען מיטהעלפען „אגודת ישראל" ביי די זאַמלונגען פון קרן-התורה און קרן-הישוב.

12) בכדי צו בעאַרבייטען און רעדאַגירען דעם ענטגילטיגען סטאַטוט פון „בנות אגודת ישראל", ווערט פון דער קאָנפערענץ בעשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע

אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע:

די קאָנפערענץ בעשליסט:

1) די צענטראַלע פון „בנות אגודת ישראל" אין פּוילען, האָט דעם זיץ-אָרט אין לאָדז.

2) די צענטראַלע פיהרט אָן מיט דער טעטיגקייט פון אַלע אָרט-גרופּען שטעהט מיט זיי אין ענגען קאָנטאַקט און שיקט צו יעדען חודש אינסטרוקציעס וועגען די אַרבייטען במשך דעם חודש און אויך העקטאָגראַפישע פּאָרטראַגען, אויף אָרגאַניזאַציע און וויסענשאַפטליכע טעמען.



3) די קאנפערענץ וועהלט אַלס לייטער-פונ'ם צענטראַלען סעקרעטאַריאַט דעם ה' א. ג. פרידענזאָן.

4) די אָרטס-גרופּען זענען מחויב צו דעקען די קאָסטען פון דער צענטראַלע, דורכ'ן פערקויפען די מיטגלידס-קאַרטען און איינקאַסירען דעם חודש-אָפּצאָל 10 גראָשען, פון יעדע מיטגלידערין פאַר דער צענטראַלע, (דאָס געלד דאַרף איינקאַסירט ווערען פאַר יעדען קוואַרטאַל מיט אַמאָל)

5) די קאָנפאָרענץ אַפּעלירט צו דער צענטראַלע פון „אגודת ישראל" אין פּוילען, צו בעשטימען אַ איינמאַלגע געהעריגע סובסידיע, אויף דער אָנפאַנגס-אַרבייט פון דער צענטראַלע פון „בנות אגודת ישראל".

5) עס דאַרפען איינגעאָרדענט ווערען פּראָפּאַגאַנדע-טורנעען פאַר'ן געדאַנק פון „בנות אגודת ישראל" און די קאָנפערענץ פאָדערט אויף אַלע רעדנער-קרעפטען אין דער אָרטאָדאָקסישער פרויען-מחנה, זיך צו בעטייליגען אין די דאָזיגע טורנעען.

פיהרערין-קורס:

1) עס ווערען איינגעאָרדענט אין קראקא און לאָדז קורסען אויסצובילדען פיהרערינ'ס פאַר „בנות אגודת ישראל".

יעדער קורס זאָל דויערען 3 חדשים.

2) דאָס פּראָגראַם פון די קורסען דאַרף זיין: חומש, יודישע געשיכטע, פערשידענע פאָרלעזונגען און בעשפּרעכונגען, ארץ-ישראל געאָגראַפיע, א. ז. וו.

פּרעסע און ליטעראַטור:

די קאָנפערענץ בעשליסט:

1) דער „בית-יעקב"-זשורנאַל ווערט דער אָפיציעלער אָרגאַן פאַר די אינטערעסען פון „בית-יעקב" און „בנות אגודת ישראל" אין פּוילען.

2) נעמענדיג אין אכט, אַז דער „בית-יעקב"-זשורנאַל האָט אויפגעהערט צו ערשיינען צוליב דער אין דער לעצטער צייט פערקלענערטער צאָהל אַבאָנענטען, בעזונדערס צוליב די מעהרערע חובות וואָס ווערען נישט בעצאָהלט, פערפליכטעט די קאָנפערענץ יעדען „בית-יעקב.קאָמיטעט און יעדע אָרטס-גרופּע פון „בנות אגודת ישראל" זאָל פערקויפען פון יעדען נומער „בית-יעקב" לכל-הפחות 20 עקזעמפּלאַרען און פאַר די זעלבע בעצאָהלען פריהערדיג.

3) די קאָנפערענץ אַפּעלירט, צו דער „בנות אגודת ישראל" אין ניו-יאָרק, צו שאַפען הונדערט יעהרליכע אַבאָנענטען פאַר'ן „בית-יעקב-זשורנאַל, בכדי די עקזיסטענץ פון זשורנאַל זאָל זיין געזיכערט און דער פערנעם זאָל קאָנען צוריק פערגרעסערט ווערען.

4) די קאָנפערענץ לייגט אַרויף אַ פליכט אויף אַלע אָרטס-גרופּען פון „בנות אגודת ישראל", צו פערשפּרייטען אַלע אָרטאָדאָקסישע ליטעראַרישע אויס-

גאַבען און ביכער, בפרט „די יודישע געשיכטע לויט דער תורה״ און ווירקען, אַז די זעלבע זאָלען פון די מיטגלידערינס געליינט ווערען.

דיקאָנפערענץ וועהלט אַ צענטראַל-ראַט פון 15 פערזאָן און אַ עקזעקוטיווע פון 3 פערזאָן. אין צענטראַל-ראַט ווערען געוועהלט:

פרוי לעווקאָוויטש (לאָדז), פרוי פאָגעל (לאָדז), פרל. גלינער (וואַרשאָ), פרל. שטשערײנסקי (קראקא), פרל. גראָס (קראָקאָ), פרל. שיקערקא (גאָמבין), פרל. ראָזאַ (בענדין), פרל. האַבערמאַן (זאַוויערטשע). פרל. שייער (קאָנסטאַנטין) פרל. טרויבע (בלאַשקי), פרל. שאַפּיראָ (קאַליש), פרל. באָרנשטיין (בלשקי), פרל. זאַלצבערג (וויעלון), פרל. ראָזענבוים (פראַנקפורט), און פרל. ראַטשילד (ציריך).

אין דער עקזעקוטיווע ווערען געוועהלט: פרוי זעמבאַ (לאָדז), פרל. קאָזלאָווסקאַ (לאָדז), פרל. ראַזאַ (וואַרשא), פרל. מאַנדראַ (מלאַווא), פרוי אַלטער (בענדין), פרל. גינציג (קראקא) און פרל. לאנדוי (קראקא).

די קאָנפערענץ לייגט אַרויף אַ חוב אויף אַלע אָרטס-גרופּען „בנות אגודת ישראל״, אויסצופיהרען דיסציפּלינאַריש אַלע בעשלוסען פון דער קאָנפערענץ און צענטראַלע.

עס ווערען געהאַלטען איינינע שלוס-רעדעס און ביי אַנ׳אויסערגעוועהנליכע בעגייסטערונג ווערט די קאָנפערענץ געשלאָסען אַרום 7 אין אָוונד, ביי התלהבות׳דיגע אויסרופען.

אַרום האַלב 9 אָוונד איז פאַרגעקומען אַ

גרויסער פרויען-מיטינג אין טעאַטער „סקאַלאַ״

ביי דער בעטיילונג פון איבער טויזענד פרויען.

דער מיטינג איז געווען זעהר אימפּאָזאַנט און האָט איבערגעלאָזט אַ זעהר גרויסען רושם.

דער מיטינג איז פאָרגעקומען אין 2 טייל ן: צום ערשט זענען אַרויסגעטרעטען מיט רעפעראַטען די ה״ה: רעד. א. ג. פרידענזאָן ד״ר ש. דייטשלענדער, ברוך ריווקינד און ד״ר א. מונק. עס איז געמאַכט געוואָרען אַנ׳הפסקה און דאַן זענען אַרויסגעטרעטען מנט רעפעראַטען: פרוי פאָגעל, פרל. ראַטשילד (דייטש), פרל. ראָזאַ—בענדין (יודיש), פרל. גינציג-קראָקא (פּויליש) פרל. מאָנדראַ (העבּרעאיש) פרל. ראָזאַ וואַרשא א. א.

דער מיטינג איז געשלאָסען געוואָרען אַרום האַלבער נאַכט ביי זעהר אַ בעגייסטערטער שטימונג.

צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ פעהלט אין היינטיגען נומער אַ סאַך מאַטעריאַל און די קאָרעספּאָנדענציעס — דאָס אַלעס אין קומענדיגען נומער



# ערקלערונג

צוליב די חובות פון איינינע טויזענד זלאָטים ביי אַגענטען און אַבאָנענטען — וואָס זענען ניט בעצאָהלט געוואָרען איז דער „בית יעקב״-זשורנאַל שוין געווען פּאַקטיש ליקווידירט!

ערשט די קאָנפערענץ פון „בנות אגודת ישראל״ האָט געפאָדערט דאָס בעגייען פונ׳ם זשורנאַל און האָט אויף זיך גענומען התחייבות׳ן וואָס זאָלען קאָנען ערמעגליכען דאָס נאָרמאַלע ערשיינען פון זייער אייגענעם אָרגאַן.

דער וויכטינסטער בעשלוס פון דער קאָנפערענץ בנוגע דעם זשורנאַל איז: „יעדער בית יעקב״ קאָמיטעט אָדער אָרטס-גרופּע פון „בנות אגודת ישראל״ איז אָבליגאַטאָריש פערפליכטעט צו קויפען 20 עקזעמפּלאַרען און פאַר די זעלבע בעצאָהלען פריהערואויס אַכט זלאָטעם״.

און אַ דאַנק טאַקי איינינע „בית יעקב״ קאָמיטעטען און אָרטס-גרופּען „בנות אַגודת ישראל״, וועלכע האָבען באַלד נאָך דער קאָנפערענץ ערפילט זייער פליכט, ערשיינט דער זשורנאַל ווידער.

אָבער מיר מוזען מיט בעדויערען פעסטשטעלען, אַז נאָר אַ גאַנץ קליינע צאָהל פון די אויבענדערמאָנטע קאָמיטעטען האָבען זייער חוב געטהון און אַלע איבריגע — נאָכנישט! צוליב דער סבה ערשיינט דער „בית יעקב״ אין אַ קלענערען פאָרמאַט.

מיר פערזיכערען אָבער דאָס מיט׳ן מאָמענט ווען דאָס פערשטענדניס ביי די „בית יעקב״ קאָמיטעטען און אָרטס-גרופּען ב. אַ. י. פאַר׳ן „בית יעקב״ זשורנאַל — וועט זיין גענינענד און אַלע פון די אויבענדערמאָנטע וועלען נאָכקומען דעם פערלאַנג פון צו נעמען צוואַנציג עקזעמפּלאַרען פון יעדען נומער און בעצאָהלען פריהערואויס — וועט צוריק פערגרעסערט ווערען דער פאָרמאַט, עס וועלען ווידער זיין אין יעדען נומער אילוסטראַציעס און די פּוילישע בײלאַגע-עס איז אַבהענגיג אין אייך אַליין!

די אַדמיניסטראַציע.

## צו אַלע אָרטס־גרופּען פון „בנות אגודת ישראל" אין פּוילען !
(קאָמוניקאַט)

צוליב טעכנישע סיבות, בפרט צוליב די בעזיהונגען וואָס ווערען געמאַכט פון דער צענטראַלע, אויף צו שאַפען אַ גרונד־קאַפּיטאַל פאַר דער קומענדער אַרבייט, האָט פאַר פסח נישט געקאָנט צושטאַנד קומען דאָס אונטערנעמען וועלכע עס איז ממשות'דיגע טעטיגקייט.

חול-המועד פסח דאַרפען אַלע אָרטס־גרופּען איינאָרדנען בעריכטס־פערזאַמלונגען פון דער קאָנפערענץ. ס'דאַרפען פאַרגעליינט ווערען די רעזאָלוציעס און ערקלערט ווערען זייער בעדייטונג.

באַלד נאָך פסח אי"ה ווערט אַרויסגעשיקט צו אַלע אָרטס־גרופּען אַ גענויער אַרבייטס־פּלאַן, קודם־כל אויפ'ן חודש אייר. בכלל ווערט דער חודש אייר פּראָקלאַמירט אַלס פּראָפּאַגאַנדאַ־חודש פאַר'ן געדאַנק פון „בנות אגודת ישראל".

אין די שטעדט וואו עס ווילען זיך גרינדען נייע אָרטס־גרופּען „בנות אגודת ישראל", דאַרפען זיי נאָך זיך אינפאָרמאַציעס ווענדען צו דער צענטראַלע, ביילעגענדיג 3 זל. (אין פּאָסט־מאַרקען) אויף צו בעקומען די געהעריגע מאַטעריאַלען.

צענטראַלע פון
„בנות אגודת ישראל"
אין פּוילען.

אַדרעס פאַר בריף און געלד :

Centralny Sekretarjat „Bnoth Agudath Israel"
Łódź, Aleksandrowska 28.

מזל טוב !

מזל טוב !

די אָרגאַניזאַציע „בנות אגודת ישראל" אין לאָדז ווינשט אַ הערצליכען מזל טוב צו זייערע חתונות, די מיטגלידערינס

פרל. שרה לעוקאָוויטש מיט ה' נתן פוקס

פרל. שרה רבקה ציטרינאָווסקאַ
מיט
ה' אברהם אליעזר בערמאַן

פרל. ברעסלויער מיט ה' ווישעגראָדזקאַ

איהר זאָלט זוכה זיין צו בויען אייער צוקונפט אין גייסט פון „אגודת ישראל" אויף די בערג פון יהודה וירושלים.

די פערוואַלטונג

פאָרזיצענדערין : פעסאַ זעמבאַ

# BAJS JAKOW

(MIESIĘCZNIK)

Łódź, Kwiecień 1926. Rok III. № 1

דער קומענדיגער נומער „בית יעקב״ זשורנאל ערשיינט אי״ה נישט שפעטער ווי דעם 15-טען אייר. — אָהן געלט פריהעראוים וועט נישט געשיקט ווערען.

---

דער „קינדער-גאָרטען״ פון ניסן איז שוין ערשינען מיט א רייכען און פיל פארביגען אינהאלט און ווערט געשיקט נאָר געגען פריהער געלד. פרייז 35 גראָשען.

אלע „בית יעקב״ שולען דארפען אין זייער אייגענעם אינטערעס אונז שרייבען זייערע גענויע אדרעסען.

---

עס איז דערהאלטען געוואָרען אין אונזער רעדאַקציע דאָס שעהנע עסטעטישע ביכעל פאר די „בית יעקב״ קינדער „ליליען״. פרייז 30 גר. צו בעקומען:

Wyd.: „Chawaceles“ Siedlce, Warszawska 35.

---

ארויסגעבער: מ. ראַבינאָוויטש.

Adres Redakcji i Administracji:
„BAJS JAKOW“ Łódź, Aleksandrowska 28.

Red. i Wyd. L. G. Frydenzon.

Tł. D. Szczecińskiego Łódź, Pr. Narutowicza 11.